# סיפורי מעשיות

## פארן שבת טיש

פרשת נשא, יד סיון
תשפ"ב לפרט קטן

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



### לשון רבינו ז"ל

וַיְהִי הַיּוֹם אוּן עֶס אִיז גִיוֶועזְן אֵיין גְרוֹיסֶער סוֹחֵר זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסֶער סוֹחֵר עֶר הָאט גִיהַאט מַשָׂא וּמַתָּן אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט גִיהַאט אֵיין בֶּן יָחִיד. דֶער סוֹחֵר אִיז שׁוֹין גִיוֶועזְן אַלְט. אַמָאל הָאט גִיזָאגְט דֶער זוּן צוּם פָּאטֶער בַּאֲשֶׁר דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַלְט. אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג אוּן דַיינֶע נֶאֱמָנִים גֶעבִּין אוֹיף מִיר גָאר קֵיין הַשְׁגָחָה נִיט. וָואס וֶועט זַיין דוּ וֶועסְט שְׁטַארְבִּין אוּן אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן אַלֵיין וֶועל אִיךְ גָאר נִיט וִויסְן וָואס צוּ טוּן. בְּכֵן גִיבּ מִיר אַ שִׁיף מִיט סְחוֹרָה וֶועל אִיךְ גֵיין אוֹיף דֶעם יַם כְּדֵי אִיךְ זָאל גִינִיט וֶוערִין אִין מַשָׂא וּמַתָּן. הָאט אִים דֶער פָּאטֶער גִיגֶעבִּין אַ שִׁיף מִיט סְחוֹרָה. אוּן עֶר אִיז גִינַאנְגֶען אִין מְדִינוֹת אוּן הָאט פַאר קוֹיפְט דִי סְחוֹרָה אוּן הָאט גִיקוֹיפְט אַנְדֶערֶע סְחוֹרָה אוּן הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גִיוֶועזְן.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט, אַז מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן לִכְאוֹרָה וִוי קוּמְט צוּ אַ זוּהן זָאל רֶעדְן צוּ זַיין טַאטֶע מִיט אַזַא חוּצְפָּה "דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַלְט" "דוּ וֶועסְט שְׁטַארְבִּין"? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז אַ קִינְד לֶערְנְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם טַאטֶען, וִוי אַזוֹי דֶער טַאטֶע פִירְט זִיךְ אַזוֹי זֶענֶען דִי קִינְדֶער, אַז דֶער טַאטֶע לִיגְט אִין גֶעלְט, אוּן גֶעלְט אִיז בַּיי אִים אַ תַּכְלִית, דֶעמָאלְט אִיז בַּיים קִינְד אוֹיךְ דֶער עִיקָר דָאס גֶעלְט.

עֶס אִיז אַ טָעוּת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז חִינוּךְ אִיז תָּלוּי אִין "אִיךְ וֶועל אִים זָאגְן אַז עֶר זָאל דַאוֶוענֶען, אִיךְ וֶועל אִים זָאגְן אַז עֶר זָאל לֶערְנֶען", אָדֶער "אִיךְ וֶועל אִים שְׁלָאגְן אוּן שְׁטוֹיסְן", וַוייל דֶער עִיקָר חִינוּךְ אִיז וָואס דֶער קִינְד זֶעט בַּיים טַאטֶען, אַז דֶער טַאטֶע גֵייט אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען וֶועט דֶער קִינְד אוֹיךְ גֵיין דַאוֶוענֶען, אַז דֶער קִינְד זֶעט וִוי דֶער טַאטֶע לֶערְנְט וֶועט דָאס קִינְד אוֹיךְ לֶערְנֶען. אָבֶּער אַז דֶער טַאטֶע לִיגְט אִין גֶעלְט, דִי גַאנְצֶע קָאפּ לִיגְט אִים אִין גֶעלְט וֶועט דָאס קִינְד אוֹיךְ נִישְׁט וִויסְן פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. מִמֵּילָא הָאט דֶער קִינְד אַזוֹי גֶערֶעדְט צוּם טַאטֶען.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אַז אַ טַאטֶע וָואס לִיגְט אִין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, זַיין קָאפּ לִיגְט אִים נִישְׁט אִין גֶעלְט, אַזַא טַאטֶע וֶוען עֶר וֶועט עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער אַלֶעס טוּן פַאר אִים, וִוי פַארְנוּמֶען דִי קִינְדֶער וֶועלְן זַיין, וֶועלְן זֵיי נָאכְאַלְץ הֶעלְפְן דֶעם

<<<

### אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק ר' מֵאִיר'ל פוּן פְּרֶעמִישְׁלַאן זי"ע, עֶר טַייטְשׁ דֶעם פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ז, יד): "כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת" - "כַּף אַחַת", כַּף אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן אַיינְבֵּייגְן (כְּפִיפָה), אַז אַ מֶענְטְשׁ בֵּייגְט זִיךְ אַיין זַיין גַאֲוָה פַאר זַיין וַוייבּ, "עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת", וֶועט עֶר וֶוערְן רַייךְ אוּן הָאבְּן שֶׁפַע.**

**(עצתו אמונה)**

טַאטֶען, אָבֶער אַ טַאטֶע וָואס הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן תַּכְלִית, נָאר פַּארְנוּמֶען גֶעוֶוען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן וֶוען עֶר וֶועט אַלְט נֶעמֶען אִים זַיינֶע קִינְדֶער אוּן לֵייגְן אִים אַרַיין אִין אַ הָאוּם.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן אוּנְזֶער קֶעמְפּ, אַ אִיד, אָבֶער זַיין קָאפּ אִיז אַלֶע יָארְן גֶעלִיגְן נָאר אִין מַשָּׂא וּמַתָּן – אִין גֶעלְט, פַּארְיָאר אִיז זַיין וַוייבּ קְרַאנְק גֶעוָוארְן זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער גֶעקוּמֶען אוּן אִיר אָנְגֶעשְׁלֶעפְּט אוֹיף אַפָּאר טֶעג אוּן גֶעלָאזְט אוֹיסְגֵיין פַּאר הִינְגֶער, דִי גַאנְצֶע קֶעמְפּ הָאט גֶע׳רַעַשׁ׳ט מִיט דֶעם, וָואס קִינְדֶער קֶענֶען טוּן מִיט זֵייעֶר מַאמֶען, אָבֶער וַוייל דֶער טַאטֶע אִיז גֶעלִיגְן אִין נַארִישְׁקֵייטְן הָאט פַּאר דִי קִינְדֶער נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט זֵייעֶר מַאמֶע. זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פַּארְנוּמֶען, זֵיי הָאבְּן נָאר יֶעצְט צַייט, הָאבְּן זֵיי אַלֵיינְס אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם יוֹם הַפְּטִירָה פוּן זֵייעֶר מַאמֶען, אוּן דִי יוֹם הַקְבִירָה דִי לְוַיָה אַלֶעס זָאל שְׁטִימֶען מִיט זֵייעֶר בִּיזְנֶעס.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס אַז עֶלְטֶערְן אוּן מְלַמְדִים דַארְפְן זֶען אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן אַ רוּחַ פוּן שִׂמְחָה אִינְדֶערְהֵיים / אִין חֵדֶר, וַוייל אַז קִינְדֶער זֶען אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז אַ גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ בַּיי זֵייעֶר טַאטֶען רֶבִּי׳ן וְכַדוֹמֶה ווִילְן זֵיי דָאס נָאכְטוּן; קִינְדֶער בַּאמֶערְקְן אוֹיפְן טַאטֶע אֲפִילוּ אָן דֶעם וָואס דֶער טַאטֶע שְׁרֵייט אָדֶער שְׁמֵייכְלְט – צִי זֵייעֶר טַאטֶע אִיז רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אָדֶער נֶערְוֶועז, קִינְדֶער פִילְן אַלֶעס.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן (דִי חֲלָקִים אֲשֶׁר בְּנַחַל לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ קוּמֶען יֶעצְט אַרוֹיס) אַז אִיךְ זָאל זֶען אַז אִין יְשִׁיבָה זָאל הֶערְשְׁן אַ ״רוּחַ שִׂמְחָה״, וַוייל אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן אָנְנֶעמֶען דִי דְרָשׁוֹת פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן דִי זִיסְקֵייט פוּן מִצְוַת דַארְפְן זֵיי פִילְן אַז דָאס אִיז גֶעשְׁמַאק.

גֶעוֶוענְלִיךְ אִין יְשִׁיבוֹת הָאט מֶען מוֹרָא אַז דִי בָּחוּרִים זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, וַוייל אֶפְשָׁר וֶועלְן זֵיי וֶוערְן בְּהוֹלְלוֹת; אָבֶער דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן) אַז עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ וֶוערְן פוּן עֶרְנְסְט דֶערְבִּיטֶערְט, ווִי צוּ וֶוערְן פוּן פְרֵיילִיךְ צֶעלָאזְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַּאר ר׳ נָתָן אַז מֶען קֶען אִים מִיט אַלֶעס נָאכְמַאכְן חוּץ פוּן זַיין שְׁטֶענְדִיגֶע עֶרְנְסְטְקֵייט, וַוייל מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ וֶוערְן דֶערְבִּיטֶערְט; מֶען הֵייבְּט אָן צוּ טְרַאכְטְן וָואס אִיז שׁוֹין מַיין דַאוְוענֶען חָשׁוּב, וָואס אִיז מַיין לֶערְנֶען חָשׁוּב, ווִיאַזוֹי קוּקְט עֶס אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי הֶערְט מֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיף צוּ דַאוְוענֶען, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל מַאכְן אֵיין מָאל אַ טָאג אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ ווִיאַזוֹי זַיין דַאוְוענֶען אוּן לֶערְנֶען קוּקְט אוֹיס, אָבֶער אַ גַאנְצְן טָאג זָאל עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט. דִי זֶעלְבֶּע מוּז אַ מְלַמֵד זֶען אַז אִין חֵדֶר זָאל הֶערְשְׁן אַ רוּחַ פוּן שִׂמְחָה, מֶען דַארְף זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן מִיט קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָה אַז אִיךְ לֶערְן שׁוֹין מִיט בָּחוּרִים צְוֶועלְף יָאר אוּן פַּאר דִי יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט בָּחוּרִים, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ עֶס קֶען זַיין אַ בָּחוּר זָאל בַּאקוּמֶען שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וָואס ווִילְן אִים פַּארְפִירְן, אָבֶער אוֹיבּ קוּמְט עֶר פוּן אַ שְׁטוּבּ ׳אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבּ׳ אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ קֶען קֵיינֶער אִים נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זַיין טַאטֶע.

## לשון רבינו ז״ל

דֶער וַוייל ווִי עֶר אִיז גִיוֶועֶן אוֹיף דֶעם יַם הָאט עֶר דֶער זֶעהֶן דִי בֵּיימֶער וָואס דִי בַּת קֵיסָר אִיז דָארְט גִיזֶעסְן. הָאבְּן זֵיי גִימֵיינְט דָאס אִיז אֵיין יִשׁוּב. הָאבִּין זֵיי גִיוָאלְט אַהִין צוּ גֵיין. ווִי זֵיי זֶענֶען נָאהֶנְט גִיקוּמֶען הָאבֶּען זֵיי דֶער זֶעהְן אַז דָאס אִיז בֵּיימֶער הָאבְּן זֵיי זִיךְ גִיוָואלְט אוּם קֶערִין. דֶער וַוייל הָאט דֶער בֶּן הַסוֹחֵר אֵיין קוּק גִיטָאן אִין יַם אַרַיין הָאט עֶר דָארְט גִיזֶעהן אֵין בּוֹים אוּן אוֹיבִּין זִיצְט אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ הָאט עֶר זִיךְ גִיטְרַאכְט

טָאמֶער אִיז עֶר זִיךְ טוֹעֶה. הָאט עֶר גִיזָאגְט דִי אִיבְּרִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט גִיוֶוען. הָאבְּן זֵיי אַ קוּק גִיטָאן הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיזֶעהְן וִוי אֵיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶעם בּוֹים. הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען זֵיי וֶועלְן זִיךְ אַהִין צוּ שְׁפַּיירִין, הָאבִּין זֵיי גִישִׁיקְט אֵיינֶעם מִיט אַ קְלֵיין שִׁיפְל אוּן זֵי הָאבֶּען גִיקוּקְט אִין יַם אַרַיין כְּדֵי מֶען זָאל דֶעם שְׁלִיחַ וַוייזִין עֶר זָאל קֶענֶען טְרֶעפִין צָוּם בּוֹים אִיז דֶער שְׁלִיחַ אַהִין גִינַאנְגֶען הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז דָארְט זִיצְט אֵיין מֶענְטְשׁ הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט.

אִיז עֶר אַלֵיין אַהִין גִינַאנְגֶען (דְהַיְינוּ דֶער בֶּן הַסוֹחֵר ) הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז זִי זִיצְט דָארְט (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסָר כַּנַ"ל ) הָאט עֶר אִיר גִיזָאגְט אַז זִי זָאל אַרָאפּ גֵיין. הָאט זִיא אִים גִיזָאגְט אַז זִי ווִיל נִיט אַרַיין גֵיין אִין דֶער שִׁיף בִּיז עֶר זָאל אִיר צוּ זָאגִין אַז עֶר זָאל זִי נִיט אָן רִירִין בִּיז עֶר וֶועט קוּמֶען אַהֵים אוּן וֶועט מִיט אִיר חַתוּנָה הָאבִּין כְּדַת הָאט עֶר אִיר צוּ גִיזָאגְט.

אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט פַארְפִירְט פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אֵיינֶער רוּפְט צוּ עֲבֵירוֹת, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט לוֹיז וֶוערְן פוּן יֶענֶעם, דַארְף מֶען גֵיין מִיט חָכְמָה, מֶען זָאגְט יֶענֶעם וָוארְט מִיר דָארְט אוּן דֶערְוַוייל אַנְטְלוֹיפְט מֶען, אַזוֹי וִוי דִי בַּת קֵיסָר וָואס הָאט זִיכֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט דֶעם בֶּן הַסוֹחֵר וַוייל זִי הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אִיר שִׁידוּךְ, אָבֶער זִי הָאט גֶעוואוּסְט אַז זִי קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים, אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען מִיט חָכְמָה אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל אִיר נִישְׁט אָנְרִירְן בִּיז דִי חֲתוּנָה וְכוּ׳ בִּיז זִי הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן אִים אוּן אִיז אַנְטְלָאפְן.

## לשון רבינו ז"ל

אִיז זִיא צוּ אִים אַרַיין גִינַאנְגֶען אִין דֶער שִׁיף. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז זִי קֶען שְׁפִּילִין אוֹיף כְּלֵי זֶמֶר אוּן קֶען רֶעדִין כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת. הָאט עֶר זִיךְ גִיפְרֵייט וָואס זִיא הָאט זִיךְ אִים מִזְדַמֵן גִיוֶוען.

נָאךְ דֶעם אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אָן גִהוֹיבְּן גָאנְט צוּ קוּמֶען צוּ זַיין שְׁטוּב הָאט זִי צוּ אִים גִיזָאגְט דֶער יוֹשֶׁר אִיז אַז עֶר זָאל גֵיין אַהֵיים אוּן זָאל מוֹדִיעַ זַיין, זַיין פָּאטֶער אוּן זַיינֶע קְרוֹבִים אוּן גוּטֶע פְרַיינְד בַּאֲשֶׁר עֶר פִירְט אַזוֹ אֵיין אִשָׁה חֲשׁוּבָה זָאלִין זֵיי אַלֶע אִיר גֵיין אַקֶעגִין אוּן דֶער נָאךְ וֶועט עֶר ווִיסְן וֶוער זִיא אִיז (וָוארִין פְּרִיר הָאט זִיא אוֹיךְ מִיט אִים אַ תְּנַאי אוֹיס גִינוּמֶען אַז עֶר זָאל זִיא נִיט פְרֶעגִין וֶוער זִי אִיז בִּיז נָאךְ דֶער חַתוּנָה דֶעמוּלְט וֶועט עֶר ווִיסִין וֶוער זִיא אִיז )הָאט עֶר דְרוֹף מַסְכִּים גִיוֶוען ווִידֶער הָאט זִיא אִים גִיזָאגְט דֶער יוֹשֶׁר אִיז אוֹיךְ אַז דוּ זָאלְסְט אָן שִׁיכֶּרִין אַלֶע מַאטְרָאסְן וָואס פִירִין דִי שִׁיף לָאזִין זֵיי ווִיסְן אַז זֵייעֶר סוֹחֵר הָאט חַתוּנָה מִיט אַזוֹי אֵיין אִשָׁה הָאט עֶר זִי גִיפָאלְגְט.

דָאס אַלֶעס אִיז גֶעוֶועז אִיר חָכְמָה ווִיאַזוֹי פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אִים.

## לשון רבינו ז"ל

אוּן הָאט גִינוּמֶען זֵייעֶר גוּטְן וַויין. וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אוֹיף דֶער שִׁיף אוּן הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין, זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר שִׁיכּוֹר גִיוָוארִין אוּן עֶר אִיז גִינַאנְגֶען אַהֵיים עֶר זָאל מוֹדִיעַ זַיין דֶעם פָּאטֶער

מִיט דִי פְרַיינְד. אוּן דִי מַאטְרָאסִין הָאבִּין זִיךְ פַאר שִׁיכֶּרְט אוּןזֶעעְנֶען אַרוֹיס גִינַאנְגֶען פוּן דֶער שִׁיף אוּן זֶענֶען אַנִידֶער גִיפַאלִין שִׁיכֶּר.

דֶער וַוייל ווִי זֵיי הָאבִּין זִיךְ אָן גִיגְרֵייט צוּ גֵיין אִיר אַקֶעגִין מִיט דֶער גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה דֶער וַוייל אִיז זִי גִינַאנְגֶען אוּן הָאט אָפּ גִיבוּנְדְן דִי שִׁיף פוּן דֶעם בָּארְטִין אוּן הָאט צוּ לָאזְט דִי לַאוִוינְטְן אוּן אִיז אַוֶועק מִיט דֶער שִׁיף אוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער שִׁיף אוּן הָאבְּן קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען. אִיז דֶער סוֹחֵר זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גְוֶוען אוֹף דֶעם זוּן. אוּן דֶער זוּן שְׁרַייט גְלֵייבְּט מִיר אִיךְ הָאבּ גִיבְּרַאכְט אַ שִׁיף מִיט סְחוֹרָה וְכוּ׳ כַּנַ״ל. אוּן זֵיי זֶעהְן גָאר נִיט. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט פְרֶעג דִיר דִי מַאטְרָאסִין אִיז עֶר גִינַאנְגֶען זֵיי פְרֶעגִין אוּן זֵיי לִיגִין שִׁיכּוֹר. נָאךְ דֶעם זֶענֶען זֵיי אוֹיף גִישְׁטַאנֶען דִי מַאטְרָאסְן. הָאט מֶען זֵיי גִיפְרֶעגְט אוּן זֵיי וֵוייסִין גָאר נִיט וָואס מִיט זֵיי הָאט זִיךְ גִיטָאן נָאר זֵיי וֵוייסְן אַז מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט אַ שִׁיף מִיט דֶעם אַלִימֶען אוּן וֵוייסְן נִיט וִוי זִי אִיז. אִיז דֶער סוֹחֵר זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גִיוָוארְן אוֹיף זַיין זוּן אוּן הָאט אִים פַאר טְרִיבְּן פוּן זַיין שְׁטוּבּ אַז עֶר זָאל אוֹיף זַיינֶע אוֹיגִין נִיט קוּמֶען. אִיז דֶער זוּן אַוֶועק נַע וְנַד. אוּן זִי (דְהַיינוּ דִי בַּת קֵיסָר ) אִיז גִינַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יַם.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס אִיז צוּם סוֹף גֶעוָוארְן פוּן דֶער בֶּן הַסּוֹחֵר וָואס הָאט גֶערֶעדְט צוּם טַאטֶען מִיט חוּצְפָּה ״דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַלְט, דוּ גֵייסְט שְׁטַארְבְּן״, צוּם סוֹף אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אָן גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט אַלֶעס פַארְלוֹירְן אוּן מֶען הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן מִיט בִּזְיוֹנוֹת.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן שָׁלוֹם בַּיִת; אַז מֶען גֵייט אַהֵיים דַארְף מֶען זֶען צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, בִּפְרַט אִינְגֶע אִינְגֶעלַייט, - עֶס זֶעט אוֹיס אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז מֶען רֶעדְט שָׁבוּעוֹת פוּן דֶעם, אִין אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער גֶעהֶערְט דֶעם שְׁמוּעֶס פַאר דָאקְטוֹרִים, אָבֶער בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז שָׁלוֹם בַּיִת גֶעוֶוען אַן עִיקָר, דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם.

אַז מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם רוּהְט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ אוּן אַז דֶער שְׁכִינָה אִיז אִין שְׁטוּבּ אִיז דָא אַלֶעס. מֶען הָאט דָא אַ חָתָן; יֶעדֶע פָּארְפָאלְק קוּמֶען פוּן צְוֵויי אַנְדֶערֶע שְׁטוּבֶּער, בַּיי אֵיינֶעם אִיז דָא אַ מִנְהָג וָואס בַּיים צְוֵוייטְן אִיז דָאס אַ גֶעלֶעכְטֶער, לְמָשָׁל, בַּיי אֵיינֶעם אִיז דָא אַ מִנְהָג שׁוֹין דוֹרֵי דוֹרוֹת פוּן אַלֶע זֵיידֶעס אַרוֹיף אַז מֶען טִינְקְט אַיין דִי חַלָּה בַּיי דִי סְעוּדָה אִין דִי גְרֶעיפּ דְשׁוּס..., בַּיים אַנְדֶערֶען אִיז דָאס נִישְׁט קַיין מִנְהָג, נָאר סְתַּם אַ גֶעשְׁמַאק... אַזוֹי אִיז עֶס אוֹיךְ פַארְקֶערְט, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען דַארְף צוּזַאמֶען בּוֹיעֶן אַ נֵייעֶ שְׁטוּבּ.

עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיים הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אַז אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן מְקַרֵב זַיין אַ גֶעוִויסְן עוֹשֶׁר צוּ אִים, אוּן וִוי נָאר דֶער עוֹשֶׁר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען הָאט פַּאסִירְט אַז עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דָאס קוּמְט וַוייל הָרוֹצֶה לְהַעֲשִׁיר יַצְפִּין וְהָרוֹצֶה לְהַחְכִּים יַדְרִים, מִמֵּילָא קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן בֵּיידֶע, הָאט אָבֶער דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל, עֶר אִיז גָארְנִישְׁט בַּיי זִיךְ, עֶס אִיז נָאר דָא דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶעמָאלְט אִיז עֶר נִישְׁט תּוֹפֵס מָקוֹם קֶען עֶר הָאבְּן בֵּיידֶע; דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יֶעדֶע אִינְגֶערְמַאן אַז עֶר וִויל גָארְנִישְׁט אוּן עֶר אִיז גָארְנִישְׁט -עֶר אִיז נִישְׁט תּוֹפֵס מָקוֹם, דֶעמָאלְט קֶען עֶר אַלֶעס הָאבְּן.

אַז מֶען וֶועט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן וֶועט מֶען הָאבְּן אַ שֵׁיין לֶעבְּן.

(יום ב׳ דשבועות תש״פ אצל ספורי מעשיות)